**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................**7:10**
מוצאי שב״ק....................**8:38**

**שיעורים כסדרן**
נ״ך....................נחמיה ה׳-ו׳
בבלי.......................חולין ק״ל
ירושלמי...............תרומות ל״א
תוספתא......מעשר שני פרק א׳
רמב״ם...................שגגות א׳


# גליון היכל הקודש


וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע״י כ״ק מרן מוהרא״ש זי״ע

פרשת תזריע, פרשת החודש, ראש חודש ניסן, שנת תשע״ט לפ״ק
שנה 8, גליון 30 (390)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**נֶגַע צָרַעַת כִּי תִהְיֶה בְּאָדָם וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן**, מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט מְרַמֵּז זַיין, דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ב׳) אַז דֶער עִיקָר גֶעוֶוער פוּן מָשִׁיחַ אִיז "**תְּפִלָּה - צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן**", מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט מִיט תְּפִלָּה, דָאס מֵיינְט אַז מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי וֶועלְט, אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוּן נִישְׁט גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט "**כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה׳**".

וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? נָאר דוּרְךְ רֶעדְן צוּ אִים, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע גוּטְס וָואס עֶר הָאט אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וָואס עֶס פֶעלְט אִים נָאךְ, אוּן דָאס וֶועט מָשִׁיחַ אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז דָאס קֶען מֶען אוֹיךְ הַיינְט טוּן. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען שׁוֹין יֶעצְט אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר אַז וֶוען מֶען טוּט עֲבֵירוֹת, וֶוערְט פַארְשְׁטָאפְּט דִי אוֹיגְן אוּן דִי הַארְץ, אוּן מֶען פִילְט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים, מֶען פִילְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, וָואס עֶר קֶען אוֹיפְהֵייבְּן יֶעדְן מֶענְטְשׁ אוּן אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לֶערְנְט אוֹיס פַארְן מֶענְטְשׁ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, אוּן מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז אוּנְז דֶער פָּסוּק מְרַמֵּז, **נֶגַע צָרַעַת כִּי תִהְיֶה בְּאָדָם**, דִי נְגָעִים גֵייעֶן אַרוֹיף אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט וָואס דָאס מַאכְט אִים בְּלִינְד, נִישְׁט צוּ זֶען אוּן נִישְׁט צוּ פִילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס אִיז דִי עֵצָה? **וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן**, מֶען זָאל אִים בְּרֶענְגֶען צוּם צַדִּיק, וָואס עֶר אִיז דֶער כֹּהֵן מְשָׁרֵת בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער צַדִּיק וֶועט אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִים בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה תַזְרִיעַ א׳)

***

**בָּדָד יֵשֵׁב מִחוּץ לַמַּחֲנֶה מוֹשָׁבוֹ**. אַ מְצֹרָע דַארְף זִיצְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי מַחֲנֶה אַלֵיין אוּן אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן.

מוֹהֲרָא״שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן י״ד) אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ ווִיל הָאבְּן שָׁלוֹם, עֶר ווִיל לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן מִיט זִיךְ אַלֵיין, דַאן דַארְף עֶר הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶר דַארְף ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען שְׁטֶענְדִיג אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט. אֵיינְמָאל מֶען נֶעמְט זִיךְ דָאס אַרַיין אִין קָאפּ דַאן קְרִיגְט מֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, וַוייל מֶען וֵוייסְט אַז קֵיינֶער אִיז גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג, אַלֶעס הָאט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִירְט צוּם גוּטְן.

דֶער מְצֹרָע אִיז דָאךְ גֶעוָוארְן קְרֶעצִיג וַוייל עֶר הָאט גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע, עֶר הָאט גֶעמַאכְט מַחְלוֹקֶת צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, אוּן דָאס אִיז גֶעקוּמֶען וַוייל עֶר הָאט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדֶענְקְט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, אוּן דֶערְפַאר אִיז זַיין תִּיקּוּן אַז עֶר זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן דִי מַחֲנֶה, עֶר זָאל זִיצְן אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן, עֶר קֶען צוּ קֵיינֶעם נִישְׁט רֶעדְן, עֶר קֶען נִישְׁט פִירְן קַיין מַחְלוֹקֶת, נָאר אֵיין זַאךְ קֶען עֶר טוּהְן, עֶר קֶען זִיךְ אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אוּן זֶעהְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן נָאר צוּ אִים קֶען מֶען רֶעדְן.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער פָּסוּק, **בָּדָד יֵשֵׁב מִחוּץ לַמַּחֲנֶה מוֹשָׁבוֹ**. וֶוען דֶער מְצֹרָע זִיצְט אִינְדְרוֹיסְן אַלֵיין אִיז עֶר נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין אוֹיפְהֶערְן צוּ רֶעדְן לָשׁוֹן הָרַע אוּן פִירְן מַחְלוֹקֶת.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב״ק פ׳ תַזְרִיעַ-מְצֹרָע תשס״א לפ״ק)

## מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט

### רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן

וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ נִיסָן אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן, צוּ פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער פָּסוּק זָאגְט אוֹיף חוֹדֶשׁ נִיסָן: "'הַחוֹדֶשׁ' הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ 'חֳדָשִׁים', רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם 'לְחָדְשֵׁי' הַשָּׁנָה", עֶס וֶוערְט דְרֵיי מָאל דֶערְמַאנְט דֶער וָוארְט "חָדָשׁ - נַיי". דְרֵיי מָאל אִיז אַ חֲזָקָה, יֶעצְט אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן אִינְגַאנְצְן.

בֶּאֱמֶת קֶען זִיךְ אַ אִיד בַּאנַייעֶן יֶעדְן טָאג, מֶען מוּז נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז חוֹדֶשׁ נִיסָן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן רס״א) אַז אַ אִיד דַארְף יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי. יֶעצְט אָבֶּער, פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן, פוּן שַׁבָּת הַחוֹדֶשׁ, קֶען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמֶען אַ פְרִישֶׁע הִתְחַדְשׁוּת, זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן טַאקֶע אִין דֶעם עִנְיָן,

<<<<<<

## א גוט ווארט

סִ׳קוּמְט פֶּסַח, אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן דַארְפְן הָאבְּן הֶעלְפֶּערְקֶעס וָואס זָאלְן אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט צוּ רֵיינִיגְן פַאר פֶּסַח, אוּן סְ׳זֶענֶען דָא גֶעוִויסֶע מֶענֶער וָואס קֶענֶען דָאס נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן וַוייל סְ׳קָאסְט צוּפִיל גֶעלְט, "דוּ נֶעמְסְט מִיר צוּ מַיין גַאנְצֶע גֶעלְט פַאר דִי רוֹימֶערְקֶעס".

דֶער מַאן דַארְף אָבֶּער אַרַיינְטְרַאכְטְן אוּן זֶען וֶוער עֶס גֵייט פַארְדִינֶען דֶערְפוּן, דִי וַוייבּ דַארְף דָאס דָאךְ הָאבְּן פַארְ׳ן מַאנְ׳ס אֵייגֶענֶע טוֹבָה, אַז עֶר זָאל קֶענֶען אַהֵיימְקוּמֶען צוּ אַ שֵׁיינֶע אוֹיפְגֶערוֹימְטֶע הוֹיז, אַז עֶר זָאל הָאבְּן אַ רֵיינֶע פֶּסַח׳דִיגֶע הוֹיז. פַארְוָואס זָאל עֶר פַארְלַאנְגֶען אַז זַיין וַוייבּ מוּז אַלֶעס אַלֵיין טוּן? ווִיל עֶר דֶען אַז זִי זָאל זִיךְ אִיבֶּערְשְׁטְרֶענְגֶען אִיבֶּער דִי מָאס אוּן כַאפְּן אַ נֶערְוֶוען צוּזַאמְבְּרָאךְ רַחֲמָנָא לִיצְלָן? וָואס וֶועט עֶר דֶעמָאלְט טוּן? לֵיידֶער הֶערְט מֶען פִילֶע אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת ה׳ יִשְׁמְרֵנוּ, וֶוען אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט אִיבֶּערְטְרָאגְן דִי שְׁוֶוערֶע לַאסְט אִין שְׁטוּבּ אוּן דִי נֶערְוֶוען הָאט גֶעקְרַאכְט בַּיי זֵיי לֹא עָלֵינוּ.

אַנְשְׁטָאט צוּ הֶעלְפְן אִין גַאס, אַנְשְׁטָאט צוּ גֵיין הֶעלְפְן פַאר חֲבֵרִים, אַנְשְׁטָאט צוּ גֶעבְּן גֶעלְט פַאר אַנְדֶערֶע צְדָקָה צְוֶועקְן, דַארְף דִי עֶרְשְׁטֶע צְדָקָה זַיין אִינְדֶערְהֵיים, צוּ גֶעבְּן דָאס גֶעלְט פַאר דִי וַוייבּ אַז זִי זָאל קֶענֶען נֶעמֶען הִילְף צוּ דִי אַרְבֶּעט, אוּן נִישְׁט אוּנְטֶערְבְּרֶעכְן.

וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ!

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## מֶעג אִיךְ זִיךְ אַרַיין מִישְׁן וֶוען מַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק אוֹיף דִי הֶערְלִיכֶע גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזוּק שִׁיעוּרִים.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַסַאךְ וֶועגְן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אוּן דֶערִיבֶּער וִויל אִיךְ פְרֶעגְן מַיין שְׁאֵלָה, כָאטְשׁ סְ'אִיז נִישְׁט אַזוֹי אַנְגֶענֶעם.

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר, אוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ אַרוּם, נִישְׁט מִיט הֶענְט חָלִילָה אָבֶער מִיט וֶוערְטֶער הָאבְּן זֵיי אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע וִיכּוּחִים צְוִוישְׁן זִיךְ, אוּן דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיסְצוּהַאלְטְן.

אִיבֶּערְהוֹיפְּט אִיז מַיין שְׁאֵלָה אַז מַיין מַאמֶע בֶּעט מִיר אַסַאךְ מָאל זִיךְ אַרַיינְצוּמִישְׁן, וּבִפְרַט וָואס לוֹיט מַיין מֵיינוּנְג אִיז זִי גֶערֶעכְט, אוּן אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

אוֹיבּ מֶעגְלִיךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר עֶנְטְפֶערְן וִוי שְׁנֶעלֶער, נָאךְ פַאר בֵּין הַזְּמַנִּים וֶוען אִיךְ בִּין אַסַאךְ מֶער אִינְדֶערְהֵיים.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ד אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דַיין שְׁאֵלָה; עֶס אִיז זֵייעֶר וֵוייטָאגְלִיךְ צוּ הֶערְן פוּן דִיר דִי צַעַר וָואס דוּ הָאסְט צוּזֶעעֶנְדִיג וִוי דַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ אוּן זֵיי פְּרוּבִּירְן דִיר אַרַיין צוּ שְׁלֶעפְּן אִין זֵייעֶר קְרִיגֶערֵיי. אַ קִינְד וֶוערְט צֶערִיסְן פוּן דֶעם וָואס זַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ, וַוייל מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; אֵיין רֶגַע שְׁפִּירְט מֶען וִוי דֶער אִיז גֶערֶעכְט וְכוּ' אָבֶער נָאכְדֶעם טְרַאכְט מֶען 'אָבֶער אִיךְ הָאבּ דֶעם אוֹיךְ לִיבּ וְכוּ'', מֶען קֶען מַמָּשׁ מְשׁוּגֶע וֶוערְן פוּן דֶעם.

מִיט דֶעם אַלֶעם וָואס דוּ גֵייסְט דָאס אַרִיבֶּער, בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט נֶעמֶען אַ שְׁטֶעלוּנְג וֶוען דַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן; זָאלְסְט זֶען צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיס קוּמֶען קַיין קְרִיגֶערַייעֶן, אוּן אוֹיבּ עֶס בְּרֶעכְט אוֹיס אַ קְרִיג זָאלְסְטוּ זוּכְן נִישְׁט צוּ זַיין אִינְדֶערְמִיט. עֶנְדֶערְשׁ זִיץ אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אָדֶער נֶעם אָן אַרְבֶּעט פַאר בֵּין הַזְּמַנִּים, וִוי אֵיידֶער צוּ זִיצְן אִינֶעם קְרִיג.

דוּ פוּן דַיין זַייט זָאלְסְט זִיךְ פִירְן מִיט גוּטֶע מִידוֹת, זָאלְסְט שֵׁיין רֶעדְן סַיי צוּ דַיין טַאטֶע אוּן סַיי צוּ דַיין מַאמֶע. וַוייל דֶער

<<<<<<

\>>>>>> אַרַיינְצוּנֶעמֶען קְלָאר אִין קָאפּ: "נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן, אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן צוּ קוּקְן נָאר אוֹיפְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, אוּן זֶען וָואס אִיךְ קֶען אוֹיפְטוּן גוּטֶע זַאכְן".

דֶערְפַאר וֶוען מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ, אִיז דִי צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי מִדָּה פוּן הִתְחַדְשׁוּת, אִיךְ זָאל יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי, נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, אוּן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן וָואס עֶס וֶועט זַיין וַוייטֶער, נָאר אִיךְ זָאל מִיר שְׁטֶענְדִיג קָאנְצֶענְטְרִירְן אוֹיף דִי יֶעצְטִיגְן מִינוּט, וָואס אִיךְ קֶען יֶעצְט טוּן גוּטֶע זַאכְן בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן אַזוֹי וֶועל אִיךְ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין".

דָאס אִיז בֶּאֱמֶת דִי פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ, דִי מִצְוָה פוּן קִידּוּשׁ הַחוֹדֶשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אַז דִי אִידְן זָאלְן צֵיילְן דִי חֳדָשִׁים לוֹיט דִי לְבָנָה צוּ וַוייזְן אַז אִידְן זֶענֶען אַזוֹי וִוי דִי לְבָנָה, סוֹף חוֹדֶשׁ וֶוערְט עֶס קְלֶענֶער אוּן קְלֶענֶער, אָבֶער נָאכְדֶעם וֶוערְט עֶס בַּאנַייעֶט אוּן וֶוערְט צוּרִיק גְרוֹיס, אַזוֹי גֵייט דָאס לֶעבְּן פוּן אַ אִיד, מֶען פִילְט אַסַאךְ מָאל אַז מֶען פַאלְט אוּן פַאלְט, מֶען וֶוערְט קְלֶענֶער אוּן קְלֶענֶער, אָבֶער נָאכְדֶעם בַּאנַייעֶט מֶען זִיךְ אוּן מֶען וֶוערְט צוּרִיק גְרוֹיס, אַזוֹי גֵייט עֶס אִיבֶּער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

### שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, וַוייל דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן פוּן רֶבִּי'ן, שְׁטֶענְדִיג זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן סִימָן ו') אַז עֶר אַלֵיין פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי.

אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן פוּן רֶבִּי'ן, וֶוען עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן בְּרוּחֲנִיּוּת, הָאט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְן, נָאר עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט, אַזוֹי וִוי אִיךְ וָואלְט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הֵייבּ יֶעצְט אָן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל", אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר טוּן יֶעדֶע מָאל וָואס עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז דָאס פְלֶעגְט זַיין בַּיי אִים יֶעדְן טָאג, אוּן אֲפִילוּ עֶטְלִיכֶע מָאל אַ טָאג. וָואס עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אוּן גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רמ"ז) "אַזַא חִידּוּשׁ וִוי מִיר אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען". אֵיינֶע פוּן דִי פְּשָׁטִים וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אִיז אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער "חִידּוּשׁ" טַאקֶע אִין דֶעם עִנְיָן פוּן "הִתְחַדְּשׁוּת", זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ בַּאנַייעֶן. אוּן דָאס לֶערְנְט דֶער רֶבִּי אוֹיס אוֹיךְ פַאר אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייעֶן, אוּן דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר פַּאסִיג וָואס דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, וָואס דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט שְׁטַארְק מְסוּגָּל זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן.

דֶער עִיקָּר דַארְף מֶען זִיךְ יֶעצְט בַּאנַייעֶן אִין דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן צ"ח) אַז אִין וִוינְטֶער שְׁטַארְבְּן אָפּ אַלֶע בֵּיימֶער אוּן גְרָאזְן, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט זוּמֶער לֶעבְּן זֵיי אַלֶע אוֹיף, אוּן דֶעמָאלְט קֶען זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ מִיטְכַאפְּן מִיט דִי בֵּיימֶער, אוּן זִיךְ אוֹיךְ בַּאנַייעֶן אַזוֹי וִוי זֵיי. אוּן דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן פֶעלְד צְוִוישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער, אוּן דֶער אֱמֶת אִיז, אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין גְרוֹיסֶע פֶעלְד, מֶען קֶען אִיבֶּעראַל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער הֶעלְפְן צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן בֶּאֱמֶת וֶוענְדְט זִיךְ אִין דֶעם דִי גַאנְצֶע הַצְלָחָה פוּן אַ אִיד אִין עֲבוֹדַת ה', וֶוען מֶען בַּאנַייעֶט זִיךְ יֶעדֶע מָאל פוּן פְרִישׁ, דוּרְךְ דֶעם שְׁטֵייגְט מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער. יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט אִין עֲבוֹדַת ה' דַארְף זַיין מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט אַזוֹי וִוי עֶס וָואלְט גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס מֶען טוּט עֶס, מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, "יֶעצְט אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ גֵיי דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית", מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען מִנְחָה, "יֶעצְט אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ גֵיי דַאוֶוענֶען מִנְחָה", מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב, אֲפִילוּ מֶען אִיז מִיד אוּן אָפְּגֶעמוּטְשֶׁעט פוּן אַ גַאנְצֶע טָאג, פְרִישְׁט מֶען זִיךְ אוֹיף וַוייל מֶען גֵייט יֶעצְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל גֵיין דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב.

מֶען זֶעט אַז דִי עֶרְשְׁטֶע מַעֲרִיב פוּנֶעם יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיינַאכְט, דַאוֶוענְט יֶעדֶער מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה אוּן הִתְעוֹרְרוּת, וַוייל דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע תְּפִלָּה פוּן יָאר דַאוֶוענְט מֶען עֶס מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, אָבֶער בֶּאֱמֶת דַארְף מֶען יֶעדֶע מַעֲרִיב דַאוֶוענֶען אַזוֹי, וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן יֶעדֶע מָאל פוּן נֵיי, דֶעמָאלְט אִיז יֶעדֶע תְּפִלָּה דִי עֶרְשְׁטֶע תְּפִלָּה וָואס מֶען דַאוֶוענְט, אוּן מֶען דַאוֶוענְט עֶס מִיט גְרוֹיס גֶעשְׁמַאק.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיים לֶערְנֶען, יֶעדֶע מָאל וָואס מֶען זֶעצְט זִיךְ לֶערְנֶען, צִי זָאל עֶס זַיין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, אָדֶער מֶדְרָשׁ, זָאל מֶען אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, "אִיךְ גֵיי יֶעצְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל לֶערְנֶען דִי נֵייעֶ לִימוּד", אוּן וֶוען אַ אִיד פִירְט זִיךְ אַזוֹי וֶועט עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין, וַוייל דֶער עִיקָּר אִיז זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ בַּאנַייעֶן אוּן מַאכְן שְׁטֶענְדִיג אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה.

רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט אַז בַּיים רֶבִּי'ן הָאט מֶען דָאס אוֹיךְ גֶעזֶען וִוי עֶר הָאט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייעֶט, נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט מְגַלֶּה זַיין גֶעוַואלְדִיגֶע תּוֹרוֹת אוּן הַשָּׂגוֹת, הָאט מֶען אִים גְלַייךְ נָאכְדֶעם גֶעטְרָאפְן וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן "וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?", וַוייל עֶר פְלֶעגְט אֵייבִּיג אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

אֲפִילוּ בְּגַשְׁמִיּוּת אִיז אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַארְ'ן מֶענְטְשׁ וֶוען מֶען בַּאנַייעֶט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג וַוייל וֶוען מֶען וֶוערְט אַלְט אוּן נָאכְגֶעלָאזְט פַאלְט מֶען אַרַיין אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן דִיפְּרֶעסְיֶע, אוּן מֶען פַארְלִירְט דִי אַפֶּעטִיט צוּם לֶעבְּן, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ בַּאנַייעֶן, אוּן אַזוֹי הָאט מֶען אַ פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תל"ו) אַז יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל מֶען נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הֵייבּ פוּן יֶעצְט אָן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד". וַוייל מִמָּה נַפְשָׁךְ, אוֹיבּ בִּיז יֶעצְט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען גוּט, וֶועט פוּן יֶעצְט זַיין נָאךְ בֶּעסֶער, אוּן אוֹיבּ אִיז בִּיז יֶעצְט נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט, דַארְף מֶען דָאךְ זִיכֶער אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, פוּן יֶעצְט צוּ זַיין גוּט.

דָאס הָאט מֶען אֵייבִּיג גֶעזֶען, אַז דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ שְׁטַארְק אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי מִדָּה פוּן "הִתְחַדְּשׁוּת", הָאבְּן גָאר שֶׁענֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען. וַוייל וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן שְׁטֶענְדִיג פוּן נֵיי, טוּט מֶען אַלֶעס מִיט אַסַאךְ מֶער חֵשֶׁק אוּן גֶעשְׁמַאק.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"ש עֶרֶךְ פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ - חוֹדֶשׁ נִיסָן)

**אִיךְ וֶועל אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט, אַזוֹי וִוי אִיךְ וָואלְט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן...**

# דִי לֶעבּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כה)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: ר' בֶּער, אֵיינֶער פוּן דִי גֶעהוֹיבֶּענֶע אִינְגֶעלַייט פוּן דִי חֲבוּרָה פוּנֶעם צַדִיק ר' יוּדְל זַ"ל פוּן דַאשִׁיב, פָּארְט צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן נֶעבְּן מֶעדְוֶועדִיוְקֶע; אוּן כָּאטְשׁ וָואס ר' יוּדְל וָוארְנְט אִים אָן עֶר זָאל נִישְׁט אַרַיינְגֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט אָבֶער ר' בֶּער מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן זַיינֶע יִסוּרִים אוּן אִיז יָא אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אִים אַ גְרִינְגֶע וֶועג צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

### קלא

פוּן דֶעמָאלְט אוּן וַוייטֶער הָאט ר' בֶּער גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ צִמְצוּם, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט. עֶר הָאט אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ הַאנְדְלֶען אִין גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן עֶר אִיז רַייךְ גֶעוָוארְן. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעהֵייסְן עֶר זָאל אָפְּשֵׁיידְן אַ חוֹמֶשׁ, אַ פִינְפְטְל פוּן אַלֶעס זַיינֶע פַארְדִינְסְטְן, אוּן עֶס גֶעבְּן פַאר אָרֶעמֶעלַייט פַאר צְדָקָה, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן. פַאר זַיין פְּטִירָה הָאט עֶר גֶעזָאגְט, "מִיט מַיין חוֹמֶשׁ, הָאבּ אִיךְ קַיין מוֹרָא נִישְׁט אֲפִילוּ פַארְ'ן בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה, ס'וֶועט מִיר גוּט צוּנִי'ץ קוּמֶען". דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט אוֹיף זַיין גֶעוַואלְדִיגְן יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק מוֹרָא פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מְ'הָאט מוֹרָא וֶוען דִי רוּסִישֶׁע אָפִּיצִירְן נֶעמֶען צוּ שְׁמַייסְן.

### קלב

דֶערְוַוייל הָאט דִי וַוייבּ פוּן ר' בֶּער שׁוֹין גֶעוָואלְט צוּרִיק גֵיין קַיין דַאשִׁיב צוּ בַּאזוּכְן אִירֶע עֶלְטֶערְן, אִיז ר' בֶּער אַרַיין זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען פוּן רֶבִּי'ן אוּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיטְ'ן צַדִיק ר' יוּדְל זַ"ל אוּן מִיט זַיין חָבֵר דֶער צַדִיק ר' שְׁמוּאֵל אַייזִיק זַ"ל, וַוייל זֵיי הָאבְּן אִים דָאךְ אָנְגֶעוָוארְנְט עֶר זָאל נִישְׁט אַרַיינְגֵיין צוּם רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל זִיךְ פִירְן וַוייטֶער אוֹיף זַיין וֶועג אִין עֲבוֹדַת ה' בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אוּן עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן מַאכְן פוּן קֵיינֶעם, עֶר זָאל נָאר וַוייטֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן כְּסֵדֶר, אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט חַיוּת אוּן שִׂמְחָה. אוּן וֶוען מְ'וֶועט אִים פְרֶעגְן פוּן וואוּ עֶר הָאט בַּאקוּמֶען דִי שִׂמְחָה אוּן חַיוּת, דִי הִתְחַזְקוּת אוּן הִתְעוֹרְרוּת, זָאל עֶר זֵיי קְלָאר זָאגְן אַז עֶר הָאט דָאס בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן.

### קלג

אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, ר' בֶּער אִיז גֶעפָארְן מִיט זַיין וַוייבּ קַיין דַאשִׁיב, אוּן אִיז דָארְט אַרַיין אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, אוּן גֶעדַאוֶונְט מִיט גְרוֹיס חַיוּת, עֶר הָאט גֶעקְלַאטְשְׁט מִיט שִׂמְחָה. ר' יוּדְל זַ"ל אִיז גְלַייךְ גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז ר' בֶּער אִיז גֶעוָוארְן מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַזוֹי וִוי אָבֶער ר' יוּדְל הָאט אוֹיךְ גֶעזוּכְט נָאר דֶעם אֱמֶת, צוּ וֶוערְן מְקוֹרָב צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים צוּ דִינֶען מִיט אַן אֱמֶת, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען אַז ר' בֶּער הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן, גָאר אַנְדֶערְשׁ וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר, דֶערִיבֶּער אִיז עֶר בִּכְלַל נִישְׁט בְּרוֹגֶז גֶעוָוארְן אוֹיף אִים, פַארְקֶערְט, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים דֶערְצֵיילְן מֶער אִיבֶּער'ן רֶבִּי'ן, אִיבֶּער דִי וֶועגְן אוּן עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, אוּן ר' בֶּער הָאט אִים טַאקֶע דֶערְצֵיילְט אַלֶעס פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

ר' יוּדְל זַ"ל אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט, אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ גֶערוּפְן אוֹיךְ זַיין חָבֵר ר' שְׁמוּאֵל אַייזִיק אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן ר' בֶּער, אוּן זֵיי הָאבְּן בַּאשְׁלָאסְן אַז זֵיי מוּזְן אוֹיךְ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן.

כָּאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי אִיז נָאךְ גֶעוֶוען דֶעמָאלְט זֵייעֶר יוּנְג, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען הִיבְּשׁ אַפָּאר יָאר עֶלְטֶער פוּן רֶבִּי'ן, פוּן דֶעסְט וֶועגְן זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי רֵייד פוּן ר' בֶּער, זֵייעֶר הַארְץ הָאט גֶעבְּרֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט אַז בַּיים רֶבִּי'ן וֶועלְן זֵיי בַּאקוּמֶען דָאס וָואס זֵיי זוּכְן, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי צוּזַאמְגֶענוּמֶען זֵייעֶר גַאנְצֶע חֲבוּרָה צוּ פָארְן אִינְאֵיינֶעם צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

### קלד

דִי שְׁטָאט דַאשִׁיב אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן מֶעדְוֶועדִיוְקֶע, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע אָרֶעמֶעלַייט אוּן הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט אוֹיף שְׁפֶּעזְן, אַזוֹי וִוי זֵיי זֶענֶען אָבֶער גֶעוֶוען אַזוֹי פַארְפְלַאמְט צוּ גֵיין צוּם רֶבִּי'ן, הָאבְּן זֵיי בַּאשְׁלָאסְן זִיךְ אַרוֹיסְצוּלָאזְן אוֹיפְ'ן וֶועג צוּפִיס.

אִינְמִיטְן וֶועג זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט טִירְהָאוִויצֶע, צוּם בֵּית הַמִדְרָשׁ פוּנֶעם מַגִיד, אוּן דָארְט הָאבְּן זֵיי ווִידֶער גֶעהֶערְט גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, וַוייל דֶער מַגִיד פוּן טִירְהָאוִויצֶע אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, הָאבְּן זֵיי דָארְט גֶעמַאכְט אַ פְרִישֶׁע הִתְעוֹרְרוּת בַּיי אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ מִיטְקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

### קלה

זֵיי זֶענֶען אַלֶע אָנְקוּמֶען קַיין מֶעדְוֶועדִיוְקֶע, אוּן צוּ זֵייעֶר פְרֵייד אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין גְרֶענִי'ץ. כָּאטְשׁ וָואס זֵיי הָאבְּן נָאךְ אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעזֶען דֶעם רֶבִּי'ן, הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁפִּירְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זִיסְקֵייט אוּן גֶעשְׁמַאק אִין הַארְץ, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין צ"ד.) "אַף עַל גַב דְאִיהוּ לֹא חָזֵי, מַזְלֵיהּ חָזֵי", אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זֶעט גָארְנִישְׁט, וֶועט אָבֶער זַיין מַזָל שְׁפִּירְן אוּן זֶען.

אַזוֹי וִוי דֶער צַדִיק ר' יוּדְל אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶלְטְסְטֶער פוּן זֵיי אַלֶע, הָאבְּן זֵיי בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר וֶועט אַרַיינְגֵיין צוּם עֶרְשְׁט רֶעדְן צוּם רֶבִּי'ן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"

>>>>>>

גְרֶעסְטֶער כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז וֶוען עֶלְטֶערְן זֶעעֶן וִוי דִי קִינְדֶער פִירְן זִיךְ אוֹיף מִיט גוּטֶע מִידוֹת, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.) אוֹיפְן פָּסוּק (דְבָרִים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹהֶיךָ" - זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל אַרוֹיס קוּמֶען אַ קִידוּשׁ הַשֵּׁם דוּרְךְ דִיר, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאלִיבְּט וֶוערְן דוּרְךְ דִיר. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן? "אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווָאוִיל זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווָאוִיל אִיז פַאר זַיין רֶבִּי וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", וֵויי אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה. וֶוען אֵיינֶער פִירְט זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ זָאגְן דִי מֶענְטְשְׁן: "קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, וִוִיבַּאלְד עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה פִירְט עֶר זִיךְ אוֹיף אַזוֹי עֶרְלִיךְ". אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט אַזַא אֵיינֶעם.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ נָארְמַאלֶע סֵדֶר הַיוֹם?

### *שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל ווִיסְן וִוי אַזוֹי אִיךְ זִיךְ מְסַדֵר זַיין מַיין טָאג, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ נָארְמַאלֶער סֵדֶר הַיוֹם?

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק אוּן עֵצוֹת וָואס הָאט מַמָשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן.**

### *תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ד אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ וֶועלְט פַאר זִיךְ; אֵיינֶער דַארְף שְׁלָאפְן אַסַאךְ, מַה שֶׁאֵין כֵּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיז גֶענוּג וֵוייניג שְׁלָאף. אֵיינֶער דַארְף מֶער צַייט וֶוען עֶר שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי, ווִידֶערְאוּם אַ צְוֵוייטֶער אִיז מֶער פְלִינְק אוּן עֶס נֶעמְט אִים בְּלוֹיז גֶעצֵיילְטֶע מִינוּט צוּ זַיין גְרֵייט צוּם דַאוֶוענֶען וְכוּ' וְכוּ', מְמֵילָא אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ גֶעבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ אַ סֵדֶר וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

אִין בְּרֶסְלֶב אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל גֶעבְּן הַנְהָגוֹת, אַ סֵדֶר הַיוֹם, פְלֶעגְט עֶר זָאגְן: "מֶען קֶען נִישְׁט גֶעבְּן קַיין הַנְהָגוֹת אוּן אַ סֵדֶר הַיוֹם פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אֵיין הַנְהָגָה קֶען מֶען גֶעבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען קֶען אִים מְחַזֵק זַיין עֶר זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; וִוי קֶען מֶען גֶעבְּן אַ סֵדֶר הַיוֹם פַאר אַ צְוֵוייטְן? עֶס קֶען זַיין אַז דִי הַנְהָגָה וָואס אִיז בַּיי אֵיינֶעם אַ גוּטֶע הַנְהָגָה אִיז פַאר אַ צְוֵוייטְן נִישְׁט גוּט וְכוּ', נָאר אֵיין זַאךְ קֶען מֶען מְעוֹדֵד זַיין אַ מֶענְטְשׁ - אוֹיף הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען זָאל יֶעדֶע זַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערִיבֶּער אַז דוּ בֶּעטְסְט אַ סֵדֶר הַיוֹם וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, זָאלְסְטוּ טוּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט טוּן יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב): "וְדַרְכִּי", אִיךְ פִיר זִיךְ, "כְּשֶׁבָּא הַיּוֹם", יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף, "אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַתְּנוּעוֹת שֶׁלִּי", גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נִישְׁט נָאר מַיין טָאג, נָאר "וְשֶׁל בָּנַי", אִיךְ גֶעבּ אִיבֶּער דִי טָאג פוּן מַיינֶע קִינְדֶער, "וְהַתְּלוּיִים בִּי", אוּן פוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מִיר, "עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ", אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל. "וְזֶה טוֹב מְאֹד", אַז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר גוּט, "גַּם אֲזַי אֵין צָרִיךְ לִדְאֹג וְלַחְשֹׁב כְּלָל 'אִם מִתְנַהֵג כָּרָאוּי אִם לָאו', מֵאַחַר שֶׁסּוֹמֵךְ עָלָיו יִתְבָּרַךְ", וַוייל אַזוֹי דַארְף מֶען נִישְׁט אִיבֶּער טְרַאכְטְן צִי מֶען הָאט יָא גוּט גֶעטוּן אָדֶער נִישְׁט, וַוייל מֶען הָאט זִיךְ דָאךְ אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "וְאִם הוּא יִתְבָּרַךְ רוֹצֶה בְּעִנְיָן אַחֵר, הוּא מְרֻצֶּה לְהִתְנַהֵג בְּעִנְיָן אַחֵר כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ", אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אַנְדֶערְשׁ אִיז דָאךְ וַוייטֶער גוּט; אַזוֹי פְלֶעגְט זַיין דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵדֶר הַיוֹם אִינְדֶערְפְרִי - זִיךְ אִיבֶּער גֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף זָאלְסְטוּ זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן אוֹיף דַיין טָאג דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּטֶע טָאג; דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זַיין אוּן אַ גוּטֶע מוּט - אַ רוּאִיגֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע גִיסְטֶע, דוּרְכְדֶעם וֶועט דִיר דַיין גַאנְצֶער טָאג זַיין אַן אַנְדֶערֶע טָאג. אַז מֶען הֵייבְּט אָן דֶעם טָאג מִיט תְּפִילָה, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי טָאג זָאל זַיין מִיט הַצְלָחָה אוּן מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּ אִים, אִיז אַלֶעס גְרִינְגֶער.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**


**די איבריגע פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די וואך, קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 646-334-2858




BreslevCenter.com\answers

# צְוֶועלְף טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִּיקִים (עי' אַגְרָא דְכַלָּה, פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי) אַז דִי עֶרְשְׁטֶע צְוֶועלְף טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן אִיז מְסוּגָל צוּ בֶּעטְן דֶעם אֱייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת וָואס זָאלְן קוּמֶען אִין דִי צְוֶועלְף חֳדָשִׁים פוּן יָאר. לְמָשָׁל דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג פוּן נִיסָן, בֶּעט מֶען דֶעם אֱייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף חוֹדֶשׁ נִיסָן: "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן כָּשֵׁר'ן פֶּסַח, אִיךְ זָאל מְקַיֵּים זַיין אַלֶע מִצְוֹת פוּן פֶּסַח מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן חַס וְשָׁלוֹם קַיין בְּרֶעקֶעלֶע חָמֵץ אִין יוֹם טוֹב פֶּסַח, אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק דֶעם חוֹדֶשׁ, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף אִין דֶעם חוֹדֶשׁ" אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. דִי צְוֵוייטֶע טָאג בֶּעט מֶען אוֹיף חוֹדֶשׁ אִיָּיר: "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן סְפִירָה בִּשְׁלֵימוּת, אִיךְ זָאל מִיר פְרֵייעֶן אִין לַ"ג בָּעוֹמֶר". דִי דְרִיטֶע טָאג בֶּעט מֶען אוֹיף חוֹדֶשׁ סִיוָן: "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מְקַבֵּל זַיין דֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אִיךְ זָאל פוּן פְרִישׁ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה מִיט פְרֵייד". אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בֶּעט מֶען אוֹיף יֶעדְן חוֹדֶשׁ, לוֹיט יֶענֶעם חוֹדֶשׁ, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַ לִיכְטִיגֶע גֶעשְׁמַאקֶע יָאר.

מֶען פִירְט זִיךְ צוּ לֵיינֶען דִי עֶרְשְׁטֶע צְוֶועלְף טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי נְשִׂיאִים, יֶעדְן טָאג אַן אַנְדֶערֶע נָשִׂיא, דָאס אִיז מְסוּגָל פַאר אַלֶע סָארְט יְשׁוּעוֹת, אוּן סְפֶּעצִיעֶל אִיז עֶס מְסוּגָל פַאר שִׁידוּכִים אוּן פַאר שָׁלוֹם בַּיִת.

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת חָתָן חֵלֶק ב' סִימָן ו') אַז דִי פַּרְשָׁה פוּן נְשִׂיאִים אִיז מְסוּגָל פַאר אַ שִׁידוּךְ, אוּן דָאס מֵיינְט שׁוֹין אוֹיךְ פַאר שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן דֶערְפַאר קֶען מֶען יֶעצְט גָאר שְׁטַארְק אוֹיסְ'פּוֹעֵלְ'ן שִׁידוּכִים אוּן שָׁלוֹם בַּיִת. וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דֶעם חוֹדֶשׁ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן בֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֱייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ עֶרֶךְ פָּרָשַׁת הַחוֹדֶשׁ - חוֹדֶשׁ נִיסָן)

# אַ שְׁוֶוערֶע רַמְבַּ"ם

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק ר' הֶערְשֶׁעלֶע לִיסְקֶער זי"ע פְלֶעגְט אַסַאךְ עוֹסֵק זַיין פַאר פֶּסַח צוּ זֶען אַז יֶעדֶער אִיד זָאל הָאבְּן אוֹיף פֶּסַח צוּ מַאכְן, עֶר הָאט גֶעהָאלְפְן אָרִימֶעלַייט צוּ קֶענֶען צוּשְׁטֶעלְן אוֹיף יוֹם טוֹב. אֵיין מָאל הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן: "פַאר פֶּסַח גְרֵייט זִיךְ יֶעדֶער אָן מִיט שֵׁיינֶע פִּלְפּוּלִים אוּן דְרָשׁוֹת לִכְבוֹד פֶּסַח, מֶען פַארְעֶנְטְפֶערְט שְׁוֶוערֶע רַמְבַּ"ם'ס מִיט שֵׁיינֶע פִּלְפּוּלִים, אָבֶער אִיךְ פַארְעֶנְפֶער אֵיין שְׁוֶוערֶע רַמְבַּ"ם מִיט מַיינֶע הֶענְט"... דֶער רַמְבַּ"ם פַּסְקְ'נְט אַז יֶעדֶער אִיד מוּז עֶסְן מַצּוֹת אִין פֶּסַח, אוּן אֲפִילוּ אַן אָרִימַאן מוּז זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען מוּז הָאבְּן מַצּוֹת אוֹיף פֶּסַח, וִוידֶער פַּסְקְ'נְט דֶער רַמְבַּ"ם אַז מֶען טָאר נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען. דָאס אִיז לִכְאוֹרָה אַ סְתִירָה, אוֹיבּ טָאר מֶען נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען, וִוי אַזוֹי קֶען דֶער אָרִימַאן הָאבְּן מַצּוֹת אוֹיף פֶּסַח? דֶעם שְׁוֶוערְן רַמְבַּ"ם פַארְעֶנְפֶער אִיךְ, וַוייל אִיךְ גֵיי אַרוּם שַׁאפְן גֶעלְט פַאר אָרִימֶעלַייט אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן גֶעלְט אוֹיף פֶּסַח בְּשֶׁפַע, מִמֵּילָא אִיז שׁוֹין דֶער רַמְבַּ"ם פַארְעֶנְטְפֶערְט...

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דָאס אִיז אַ רִיכְטִיגֶע אֱמֶת'עֶ דְרָשָׁה אוֹיף פֶּסַח. אוּן מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תכ"ט) "מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת פוּן פֶּסַח דְרַייסִיג טֶעג פַאר פֶּסַח", אוּן אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער רְמָ"א "מֶען פִירְט זִיךְ צוּ קוֹיפְן ווייץ פַאר אָרִימֶעלַייט אוֹיף פֶּסַח", לִכְאוֹרָה וָואס הָאט אֵיינְס מִיט'ן צְוֵוייטְן? וָואס קוּמְט דֶער רְמָ"א צוּלֵייגְן צוּם שֻׁלְחָן עָרוּךְ? אָבֶער מִיט דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע מַעֲשֶׂה פַארְשְׁטֵייט מֶען דָאס זֵייעֶר גוּט, דֶער רְמָ"א קוּמְט זָאגְן אַז דֶער עִיקָר דְרָשָׁה אוֹיף פֶּסַח אִיז צוּ שַׁאפְן גֶעלְט פַאר אָרִימֶעלַייט אוֹיף פֶּסַח. וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ הֶעלְפְן אָרִימֶעלַייט אוֹיף פֶּסַח.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז, עֶרֶךְ חוֹדֶשׁ נִיסָן)

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ עוֹסֵק זַיין צוּ צוּזַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר אָרִימֶעלַייט אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן אוֹיף פֶּסַח צוּ מַאכְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ר"א) "צְ'דָקָה תַּ'צִּיל מִ'מָּוֶת רָאשֵׁי תֵּבוֹת מַצַּ"ת. סְגֻלָּה לָחֳלִי נוֹפֵל רַחֲמָנָא לִצְלָן, פִּ'זַּר נָ'תַן לָ'אֶבְיוֹנִים רָאשֵׁי תֵּבוֹת נֵפֶ"ל". וָואס מֶען פַארְשְׁטֵייט פוּן דֶעם אַז וֶוען מֶען גֶעבְּט צְדָקָה פַאר אִידְן אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן מַצּוֹת אוֹיף פֶּסַח, אִיז עֶס אַ סְגוּלָה נִישְׁט צוּ הָאבְּן דִי מַחְלָה פוּן חוֹלִי-נוֹפֵל רַחֲמָנָא לִיצְלָן, סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סֵיי בְּרוּחֲנִיּוּת, נִישְׁט אַרָאפְּצוּפַאלְן בְּרוּחֲנִיּוּת.

(לוּחַ בְּרֶסְלַב פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי תשע"ג לפ"ק)


**אויב ווילט איר זוכה זיין אין די גרוואלדיגע מצוה פון געבן קמחא דפסחא, צו קענען אויסצאלן אלע איינגעשטעלטע במוסדותינו הק' אויף יום טוב פסח**

**רופט אין אפיס 718-384-1652 #101**


# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## קונטרס "א כשר'ן פסח"




שטייענדיג פאר דעם הייליגן און פרייליכן יום טוב פסח, האט מען פון פריש איבערגעדרוקט דעם קונטרס "א כשר'ן פסח". יעצט אין די צייט ווען מען גרייט זיך צו דעם הייליגן און פרייליכן יום טוב פסח, איז די בעסטע צייט צו חזר'ן וואס דער הייליגער רבי לערנט אונז, ווי אזוי זיך צוצוגרייטן צום יום טוב ווי עס דארף צו זיין, און ווי אויסצונוצן דעם יום טוב אויפ'ן בעסטן אופן.

דער קונטרס געבט א קלארן בליק אויף די אלע זאכן, און וועט פארשאפען אן אמת'ן עונג יום טוב פאר די אלע וועלכע ליינען דעם קונטרס, און זענען מקיים וואס דארט שטייט.

דער קונטרס, ווי אויך די הערליכע הגדה של פסח "אור זרוע" אין אידיש און אין לשון הקודש, און נאך פילע אנדערע ספרים און קונטרסים, איז דא צו באקומען בהיכל הישיבה אויף 27 סקילמען סט.

**כאילו הוא יצא ממצרים!**

***

## מ'גרייט זיך צו א זומער פון אמונה

די צען וואכן וואס מיר פארן ארויס אין קעמפ פאר די זומער, איז א צייט פאר אנשי שלומינו זיך צו שטארקן אינאיינעם מיט אמונה, אן "אמונה ריהעב".

מענער און פרויען, אינגלעך און מיידלעך, זאפן זיך אן מיט הויפענעס אמונה. שיעורים פון אמונה, שמועסן פון אמונה, יעדער לעבט מיט'ן אייבערשטן, און דאס בלייבט שוין איינגעקריצט אין די ביינער פאר די גאנצע קומענדיגע יאר.

ס'שווער אראפצושרייבן די געפילן פון הארץ וואס דאס מיינט א זומער אין "מחנה היכל הקודש", אבער די אלע משפחות וואס האבן שוין זוכה געווען מיטצוהאלטן א זומער אין קעמפ, ווייסן און שפירן וואספארא גוטע ווירקונג דאס האט געהאט אויף זיי און אויף זייערע קינדער, מ'אטעמט אמונה, מ'לעבט מיט'ן אייבערשטן, און מ'לעבט מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן, און נאך זומער שפירט מען זיך ווי מ'קומט ארויס פון אן "אמונה ריהעב", ס'ווילט זיך שרייען אין די גאסן אז ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, און מ'קען האבן אזא זיס לעבן מיט'ן אייבערשטן.

געציילטע באנגעלאוס זענען נאך עוועליבעל, אנשי שלומינו וואס ווילן האבן א זומער אינעם "אמונה ריהעב", זאלן זיך מעלדן ווי פריער, אז מ'זאל קענען אלעם מסדר זיין אויפ'ן בעסטן פארנעם, צו יעדנ'ס צופרידנהייט.

צו דינגען א באנגעלאו קען מען רופן 347-957-5459.

**ההרים והגבעות יפצחו לפניכם רנה!**


## הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

# אשר בנחל

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**